בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

מרן **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

סעודה שלישית פרשת

## נצבים וילך תשי"ט

**דברי התעוררות לימי הסליחות ולראש השנה**

• יום פטירת משה רבינו היה "יום הדין" • בשירת האזינו יש כח נצחי •
• בראש השנה דנין על הכלליות והפרטיות • חשיבת התשובה בתוך הגלות •
• ע"י מאה ברכות בכוונה ממתיק המאה קללות שבתוכחה •
ה' אֱלֹקֶיךָ בעצמו הִדִּיחֲךָ בגלות, ורק ה' אֱלֹקֶיךָ בעצמו יָשִׁיב אֶת שְׁבוּתְךָ •

נעתקו בלשון אידיש

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשע"ז לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י
**מערכת ״לשון קדשו״**
מאנטריאל קאנאדא
1-514-585-3040

**קונטרס 7** (מהדורא ב)

---

## לשמיעת הדברות קודש:

**1-718-298-4641** (בארץ ישראל) **072-3333419**

(פון אייראפע **+972-72-3333419**)

צו הערן די תורה **ס״ג פרשת נצבים וילך תשי״ט**

דרוקט: **1→6→5→8→#**

(40 מינוט)

---

KolSatmar.com

# דיוקים בפרשת האזינו

## א

## דיוקים בפסוק אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם

[אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם] **כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה׳ אֱלֹקֵיכֶם רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל:** [טַפְּכֶם נְשֵׁיכֶם וְגֵרְךָ אֲשֶׁר בְּקֶרֶב מַחֲנֶיךָ מֵחֹטֵב עֵצֶיךָ עַד שֹׁאֵב מֵימֶיךָ: לְעָבְרְךָ בִּבְרִית ה׳ אֱלֹקֶיךָ וּבְאָלָתוֹ אֲשֶׁר ה׳ אֱלֹקֶיךָ כֹּרֵת עִמְּךָ הַיּוֹם:]

קושיא א: ההקדמה אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם מיותר. והיה צריך להתחיל הפרשה "אתם עוברים בברית ה׳ אלקיך"

א) **אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם.** וואָס איז דער [הקדמה] אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם [טַפְּכֶם נְשֵׁיכֶם וגו׳], דער עיקר איז דאָך **לְעָבְרְךָ בִּבְרִית ה׳ אֱלֹקֶיךָ**, ער האָט געדאַרפט אָנהייבן אַז מ׳זאָל נישט עובר זיין דעם ברית, דאָס האָט געדאַרפט צו זיין דער אָנהייב?

## ב

קושיא ב: כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל מיותר. שכבר אמר כֻּלְּכֶם, וגם כבר מנה והולך כולם בפרטיות

ב) נאָכדעם איז שווער, אַז ער זאָגט שוין כֻּלְּכֶם. און רעכנט אויס [רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם טַפְּכֶם נְשֵׁיכֶם וְגֵרְךָ אֲשֶׁר בְּקֶרֶב מַחֲנֶיךָ מֵחֹטֵב עֵצֶיךָ עַד שֹׁאֵב מֵימֶיךָ] רעכנט דאָך [שוין] אויס דער פסוק יעדן. פאַרוואָס זאָגט ער נאָכאַמאָל "כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל", ס׳איז דאָך איבעריג?

## ג

קושיא ג: כֻּלְּכֶם בלשון רבים מיותר. דהלא מונה אחר כך כולם בפרטיות

ג) ער הייבט דאָך אָן, ער זאָגט דאָך קודם כֻּלְּכֶם, ס׳איז אויכעט איבעריג דער כֻּלְּכֶם, ס׳שטייט אויך שוין, ס׳איז דאָך אויך איבעריג, אַז ער רעכנט אויס אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וגו׳ טַפְּכֶם נְשֵׁיכֶם וגו׳ איז דאָך שוין נכלל אַלעס.

אז ער זאָגט דאָך שוין כֻּלְּכֶם, איז דאָס אויך נאָכנישט גענוג, ער זאָגט כֻּלְּכֶם אַלע, און ער רעכנט אויס אַסאַך בפרטיות, דערנאָכדעם זאָגט ער נאָכאַמאָל כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל, וואָס מיינט מען מיט דעם כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל?

## ד

קושיא ד: תיבת "אִישׁ" מיותר

ד) ס׳איז אויך עפּעס איבעריג "אִישׁ", [והיה צריך לכתוב] כֹּל יִשְׂרָאֵל. נו אודאי [שמדבר לאִישׁ], וואָס איז דער אִישׁ יִשְׂרָאֵל, ס׳איז דאָך [איבעריג]?

והלא אי אפשר לומר שרצה למעט "אשה" דבפירוש אמר הפסוק טַפְּכֶם "נְשֵׁיכֶם"

דאָ שטייט דאָך נישט אִשָּׁה אויכעט [רק אִישׁ], אָבער ער מיינט דאָך דאָס [גם אשה], איך קאָן דאָך נישט זאָגן [שלכן כתב איש] זיי [הנשים] ממעט צו זיין. הגם [דמצינו כן לפעמים, אמנם] נישט איבעראַל וואו ס׳שטייט אִישׁ איז מען ממעט אשה, [כי ילפינן בקידושין (לה.) מאִישׁ אוֹ אִשָּׁה כִּי יַעֲשׂוּ מִכָּל חַטֹּאת הָאָדָם וגו׳] השוה הכתוב אשה לאיש לכל עונשין שבתורה, וואו ס׳שטייט איש [הכוונה גם לאשה].

אָבער על כל פנים עפּעס מיינט מען דאָ [בזה שכתב אִישׁ], איבעראָל [כשיש איזה ייתור] עפּעס איז דאָך דאָס מרבה, [ואילו כתב רק] "כֹּל יִשְׂרָאֵל" העט גענוג געווען ווען ער זאָגט, ווייס איך אויך מ׳מיינט יעדן, [וא״כ] גאַנץ צום לעצטנס [בסוף הפסוק, וואָס עס] שטייט נאָכאַמאָל "אִישׁ" יִשְׂרָאֵל [בוודאי שבא לרמז איזה דבר].

KolSatmar.com

## ה
# דיוקים בפרש"י אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם

**רש"י זאָגט** (בפסוק יב):

[**אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם.** למה נסמכה פרשת אתם נצבים לקללות?] אַזוי ווי זיי האָבן אַלעס געהערט דאָ, די צ"ח קללות, הוריקו פניהם [ואמרו] מי יוכל לעמוד באלו, [התחיל משה לפייסם] האָט ער די געטרייסט, [אתם נצבים היום] הרבה הכעסתם לפני המקום ולא עשה אתכם כְּלָיָה, והרי אתם קיימין לפניו. [הַיּוֹם], כיום הזה שהוא מאפיל ומאיר, כך עתיד להאיר לכם [והקללות והיסורין מקיימין אתכם ומציבין אתכם לפניו].

קושיא ה: למה פייסם משה דוקא בזה שלא עשה הקב"ה כְּלָיָה. הלא נשבע הקב"ה שלא יעשה כליה.

ה) לכאורה ברויך מען דאָך צו פאַרשטיין, פרעגט מען דאָך די קשיא. קודם וואָס האָט ער געזאָגט "הרבה הכעסתם ולא עשה אתכם כליה", וויאַזוי האָט מען געקענט מורא האָבן פאַר כליה? ס'איז דאָך אַ שבועה אַז **לֹא מְאַסְתִּים וְלֹא גְעַלְתִּים לְכַלֹּתָם** (ויקרא כו, מד), הקב"ה האָט דאָך נשבע געווען, אַז ער וועט חלילה נישט ברענגען קיין כליה.

[ואם תאמר] זיי האָבן מורא געהאַט פאַר אַנדערע צרות השם ישמרנו, אָבער נישט פאַר קיין כליה [א"כ למה פייסם שלא עשה עמכם "כליה" הרי מזה לא פחדו כלל].

## ו
קושיא ו: מהו הראיה שלא עשה כליה, אולי לא נענשו שעדיין היה קודם קבלת הברית בעבר הירדן

ו) און דערנאָך וואָס איז אַ ראיה פון דעם וואָס ס'איז פריער געווען [הרבה הכעסתם למקום]. דאָס איז דאָך נאָך געווען איידער זיי האָבן [מקבל געווען הברית, וכדמצינו בפסוק כח] הַנִּסְתָּרֹת לַה' אֱלֹקֵינוּ וְהַנִּגְלֹת לָנוּ וּלְבָנֵינוּ, אַזוי ווי רש"י זאָגט[א] ס'האָט זיך הערשט אָנגעהויבן [הברית והעונשים] נאָכדעם וואָס מ'האָט מקבל געווען בהר גריזים ובהר עיבל, [וזה היה] שפּעטער [בימי יהושע, דכשנכנסו לארץ] הייבט זיך דאָך הערשט אָן די אַלע זאַכן.

און דאָס איז דאָך געווען פון פריער [שהכעיסו את המקום], איז דאָך נישט קיין ראיה פון פריער [שהרי הם קיימין לפניו, מכיון שהיה] איידער דאָס איז געזאָגט געוואָרן [העונשים, און] איידער מ'האָט דאָס מקבל געווען [בהר גריזים והר עיבל].

## ז
קושיא ז: נראה כעושה פלסתר מכל התוכחה, שמקודם מוכיח, ואח"כ אומר שאין להתיירא

ז) אויסערדעם איז נאָך שווער דאָס לשון [שמשה פייסם], וואָס איז דאָ דער פשט, ממה נפשך איז פון דעם אַ ראיה אַז ס'איז נישט אַזוי [שלא יבואו העונשים שבתוכחה], מ'זאָל זיך נישט שרעקן, האָט ער דאָך געמאַכט פלסתר פון די גאַנצע תוכחה. [והלא] ער האָט זיי געזאָגט די אַלע זאַכן פון די תוכחה וכדומה [להתרות אותם], און נאָכדעם האָט ער זיי געזאָגט זאָלן זיך נישט שרעקן פון גאָרנישט, הרבה הכעסתם לפני המקום ולא עשה אתכם כליה, האָט ער עס געמאַכט צונישט. נו פאַרוואָס האָט ער עס גאָר אָנגעהויבן צו זאָגן.

---

[א] **פירש"י** (בד"ה הנסתרות). נקוד על לָנוּ וּלְבָנֵינוּ, לדרוש, שאף על הנגלות לא ענש את הרבים עד שעברו את הירדן משקבלו עליהם את השבועה בהַר גְּרִזִים ובהַר עֵיבָל ונעשו ערבים זה לזה. - וזאת היתה לאחר שנכנסו לארץ ישראל, כדכתיב (יא, כט) כִּי יְבִיאֲךָ ה' אֱלֹקֶיךָ אֶל הָאָרֶץ וגו' וְנָתַתָּה אֶת הַבְּרָכָה עַל הַר גְּרִזִים.

KolSatmar.com

**ח**

קושיא ח: בפירש"י "היום" מאפיל ומאיר, וצ"ב דכשמאפיל כבר פנה יום ונקרא "לילה".

ח) **הַיּוֹם**, זאָגט רש"י (פסוק יב) **כיום הזה שהוא מאפיל ומאיר**. [כך האיר לכם וכך עתיד להאיר לכם].

לכאורה, דער טאָג אַליין איז נישט מאפיל ומאיר, וואָרן ווען ס'איז מאפיל איז דאָך שוין נישט טאָג, הייסט דאָך עס עֶרֶב.

יום הייסט דאָך נאָר, פון ווען אָן ס'הייבט אָן [טאָגן, מעלות השחר], פון ווען ס'הייבט אָן, למאיר ובא קרא יום (פסחים ב.), יום ווערט דאָך אָנגערופן נאָר דאָס.

און דעמאָלטס [כשמאפיל] הייסט שוין לילה, ווען ס'איז מאפיל, דאָס איז שוין לילה, איז דאָך שוין טאַקע נישט טאָג, [וכמו שאומרים בתפלת נעילה ליו"כ] עֲבוּר כִּי פָנָה יוֹם, איז אויס טאָג [מאחר שכבר מאפיל].

[ונמצא] דער טאָג אַליין איז נישט "מאפיל ומאיר", ממה נפשך אָדער ס'איז מאיר [או שהוא מאפיל], אָדער ס'איז יום, אָדער ס'איז לילה?

**ט**

קושיא ט: קשה מה שאמר "שהקללות" מקימין אתכם, הרי רק "ההצלה" מהקללות מקיימן ולא הקללות בעצמן?

ט) **רש"י** זאָגט [התחיל משה לפייסם], **הרבה הכעסתם לפני המקום** [והרי אתם קיימים לפניו וכו'] **והקללות** [והיסורין] **מקיימין ומציבין אתכם לפניו.**

וויאַזוי איז דאָס עפּעס, אַז די קללות זענען מציבין אתכם לפניו, וויאַזוי איז דאָס, לכאורה ברויך מען פאַרשטיין, מילא אַז דער אייבירשטער העלפט [וניצולין מהקללות אַז קיימין]. אָבער וויאַזוי איז דאָס גאָר [שהקללות בעצמן] מקימין אתכם לפניו.

# דיוקים בפ' וילך

ווייטער שטייט די אַנדערע סדרה:

**וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל. [וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם בֶּן מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה אָנֹכִי הַיּוֹם לֹא אוּכַל עוֹד לָצֵאת וְלָבוֹא].**

קושיא י: וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה. צ"ב דלא כתב להיכן הלך?

י) **וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה**. פרעגן אַלע מפרשים[ב], שטייט ער [משה רבינו] איז געגאַנגען, און [עס] שטייט נישט וואו ער איז געגאַנגען, ער זאָגט [סתם] וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה.

**יא**

בתרגום יונתן: לְבֵית מַשְׁכַּן אוּלְפָנָא, וקשה למה דוקא כאן הזכיר זאת

דער **תרגום [יונתן]** זאָגט, ער איז געגאַנגען **לְבֵית מַשְׁכַּן אוּלְפָנָא** [לבית המדרש]. ס'איז אויך שווער צו פאַרשטיין, וואָס איז ער עפּעס געגאַנגען אַהין. – ממה נפשך, אַז ער האָט אַלעמאָל פון דאָרט געזאָגט, ער האָט דאָרט געלערנט מיט אידן אַלעמאָל, נו פאַרוואָס שטייט גראָד דאָ וַיֵּלֶךְ, ס'שטייט נישט אין

[ב] בכלי יקר. כל המפרשים נדחקו בהליכה זו, כי לא פורש להיכן הלך.

KolSatmar.com

ערגעץ. [און אויב] איז אַן אַנדערס מאָל נישט אַזוי געווען, פאַרוואָס איז עפּעס היצטערט גראָד אַזוי געווען.

יב
הראשונים פירשו שהלך לישראל להיפרד מהם, כאדם הנפטר מחבירו

די מפרשים זאָגן [לפרש כוונת וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה] זה בכה וזה בכה, אַזוי איז דאָ אַסאַך פון די ראשונים זאָגן על פי פשטות כאדם הנפטר, אַזוי ווי מ'גייט זיך געזעגענען, איז ער געגאַנגען צו זיי היצטערט[ג] [להיפרד], דאָס איז געווען דער טאָג פונעם הסתלקות, [כדכתיב וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם] בֶּן מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה אָנֹכִי הַיּוֹם, [ודרשו חז"ל (סוטה יג:) מה תלמוד לומר הַיּוֹם] הַיּוֹם נולדתי, יום שנולד בו, היום מלאו שנותי, ס'איז געווען דער טאָג וואָס ער איז נסתלק געוואָרן, איז ער געגאַנגען און ער האָט זיך געזעגנט, דאָס איז דער וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה.

יג
קושיא יא: ברבינו בחיי: שהלך "לכל אחד" מישראל איש לאהליו, וצ"ב.

יא) דער **רבינו בחיי** זאָגט[ד], וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה, ער האָט דאָס געזאָגט פאַר יעדן עקסטער, ער איז געגאַנגען אַהין גראָד צו יעדן עקסטער, נישט אינאיינעם צוזאַמען [כשהיו כולם מקובצים ונצבים לפניו, כמו שכתוב אתם] נצבים היום כולכם, נאָר וואָס דען, ער איז געגאַנגען צו יעדן אַהיים, צו יעדן עקסטער, וילך משה, יעדן עקסטער זאָגן, אַזוי זאָגט דער רבינו בחיי.

לכאורה איז דאָך אויך שווער, [למה היה צריך להיות באופן של] "וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה", ער האָט דאָך געקאָנט רופן [את כל אחד] צו זיך. [הביאור באות מד]

און [עוד קשה] וואָס איז פון דעם וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה מער געדרינגען, אַז צו יעדן עקסטער [ואולי הלך לכולם ביחד]. [הביאור באות מא]

יד

יב) דער **מדרש** (מובא בקדושת יו"ט) זאָגט, **בֶּן מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה אָנֹכִי הַיּוֹם לֹא אוּכַל עוֹד לָצֵאת וְלָבוֹא. זה שאמר הכתוב** (לד, י) **וְלֹא קָם נָבִיא עוֹד בְּיִשְׂרָאֵל כְּמֹשֶׁה.** [וצ"ב השייכות] ווי קומט דאָס [לכאן]. [הביאור באות מז]

טו
בהמשך התורה (אות נז) מפרש רבינו עוד מדרש, ולתועלת הענין הצגנו אותו כאן

[יג) **במדרש תנחומא** (נצבים, א) **אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם, זה שאמר הכתוב** (משלי יב, ז) **הָפוֹךְ רְשָׁעִים וְאֵינָם וּבֵית צַדִּיקִים יַעֲמֹד, כל זמן שהקב"ה מסתכל במעשיהם של רשעים ומהפך בהם, אין להם תקומה וכו' אבל ישראל נופלין ועומדין. וצריך ביאור השייכות לכאן].

---

[ג] **ברמב"ן** כתב וז"ל, כי משה הלך ממחנה לויה אל מחנה ישראל לכבדם, כמי שירצה להפטר מחבירו ובא ליטול רשות ממנו.

[ד] **ברבינו בחיי** (בפתיחה לפרשת וילך) כתב וז"ל, וכן מצינו במשה שהלך לישראל ממחנה לויה אל מחנה ישראל לנחם אותן במיתתו, ובגדולתו של יהושע שיהיה תחתיו וימלא מקומו, ולא רצה לדבר להם כשהיו כולם מקובצים ונצבים לפניו, אבל המתין עד שהלכו איש לאהליו, כדי שילך הוא אצלם.

KolSatmar.com

טז

# הקדמות וביאורים

**נאָר דאָס ענין לאָמיר זען, דעם אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם.**

**דער זוהר הקדוש זאָגט דאָך** [הַיּוֹם דָא רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ובישמח משה פירש בזה הפסוקים בפרשת] **אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם,** [שהכוונה על פי הזוהר הקדוש הַיּוֹם] **דָא רֹאשׁ הַשָּׁנָה**[ה].

**אַה, עס קומט ראש השנה, אוי וויי, אַה ס׳ווערט יעדערער נידון.**

יז

יום פטירת משה רבינו ע״ה היה בחינה של יום הדין לכלל ישראל, שנסתלק כוחו של משה רבינו

[ובדרכו של הישמח משה נלך לפרש הפסוקים בפרשת נצבים על ענין ראש השנה].

אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם. אין פשטות, דער פסוק גייט דאָך אַרויף, אַז משה רבינו האָט געזאָגט פאַר אידן פאַר׳ן הסתלקות דעם אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם.

איז דאָך אויכעט געווען די בחינה [של יום הדין], משה רבינו איז אַוועק געגאַנגען פון דעם עולם, ער איז אַוועק געגאַנגען פון אידן און ער האָט איבער געלאָזט אידן אַליין, אָנעם כח פון משה רבינו׳ן.

הגם שזכותו של משה רבינו נשאר לעולם ובזכותו אנו חיים

הגם ס׳איז דאָך געבליבן ווייטער זיין כח, בזכותו אנו חיים, אין דעם כח פון משה רבינו׳ן, דער כח התורה, **אתפשטותא דְּמֹשֶׁה בְּכָל דָּרָא וְדָרָא** (תקו״ז תי׳ סט קיב.).

אבל זה דומה להלבנה שמאיר בלילה, ומכל מקום זה חשכות נגד אור היום

אָבער ס׳איז שוין געוואָרן אַ הסתר, [כמ״ש חז״ל (ב״ב עה.)] **פני משה כפני חמה ופני יהושע כפני לבנה.** די לבנה איז מאיר את הלילה, ס׳איז אָבער דאָך נאַכט, ס׳איז נישט אַזוי ווי אור היום, ס׳איז שוין אַ הסתר, וואָס ס׳ווערט געטוהן בלילה לאור הלבנה, איז אַ הסתר אַקעגן אור החמה.

אַזוי, ווען משה רבינו איז אַוועק פון אידן, איז געוואָרן אַ הסתר. ער האָט צוזאַמגענומען אידן איז דאָס געווען אַ גרויסער יום הדין.

אַז אידן זענען אַרויסגעגאַנגען פון אַזאַ׳ן אור גדול אין אַ בחינת ההסתר, דאָס אַליין איז אַ שטאַרקער יום הדין.

[שבני ישראל היו צריכים לעמוד לפני הקב״ה, והיו במצב וואָס] מ׳ברויך זיך צו באַרעכענען, ברויך מען זיך מתקשר זיין מיט׳ן בורא כל עולמים, אַז מ׳זאָל נישט פאַרפאַלן ווערן אין הסתר.

הגם ס׳איז נאָך געווען אַן אור נפלא, יהושע מיט די אַלע זקנים, דאָס דור המדבר אַזאַ דור דיעה, אָבער דאָך לגבי משה איז מילתא זוטרתא היא, נאָך משה רבינו׳ן איז דאָך אַ חילוק. דאָך אַז מ׳גייט אַרויס פון אַזאַ גרויסן אור, הייסט עס אויך אַ הסתר.

---

[ה] בזוהר הקדוש (כא לב:) וַיְהִי הַיּוֹם וַיָּבֹאוּ בְּנֵי הָאֱלֹהִים לְהִתְיַצֵּב עַל ה׳ (איוב א, ו), וַיְהִי הַיּוֹם דא ראש השנה דקודשא בריך הוא קאים למידן עלמא.

KolSatmar.com

יח

אַזוי בכל דור ודור, יעדן ראש השנה ווערט נידון די גאַנצע וועלט בכלליות ובפרטיות, אידן שטייען פאַר'ן בורא כל עולמים און מ'וואַרט אויף ישועת השם יתברך, ברוחניות, ובגשמיות.

[ברוחניות] אַז אידן זאָלן נתקשר ווערן מיט'ן בורא כל עולמים, אַז מ'זאָל די זכיה האָבן נאָך צו דינען דעם באַשעפער באמת.

[בגשמיות] מ'זאָל ניצול ווערן מכל צרה וצוקה, ס'זאָל זיין השפעת הרחמים אויף אידן בכל מקומות מושבותם וואו זיי זענען.

איבערהויפט אין דעם חשכות, אין דעם גרויסן חשכות, אין די לעצטע דורות פון עיקבא דמשיחא [שההסתר גדול, ובראש השנה עומדים לפני השי"ת].

יט

## בשירת האזינו יש כח נצחי שיכולין לחזק בגודל החשכות ביום הדין

און ווען משה רבינו האָט געזאָגט (לא, ל) הַשִּׁירָה הַזֹּאת [שירת האזינו, איתא בספרי (סו"פ האזינו, שלג) גדולה שירה זו] אין די שירה איז דאָ לשעבר, און [ויש בה] אויף לעתיד לבא. עד סוף כל הדורות ליגט דאָך אין די שירת האזינו.

ווען משה רבינו האָט געשריבן הַשִּׁירָה הַזֹּאת עַד תֻּמָּם. דאָס איז אין דעם טאָג געשען[1] [שהיתה בחינת יום הדין], און דאָס איז דער כח [וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת] כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ, דאָס בלייבט אַ נצחיות וואָס מ'קאָן זיך אָנכאַפּן אין דעם גרויסן חשכות, ווען מ'האָט זיך נישט אין וואָס אָנצוכאַפּן, אין דעם גרויסן שפלות הדור.

כ

## התעוררות לימי הרחמים והרצון

מ'שטייט דאָ פאַר שווערע ימי דין, דין ומשפט, ס'קומען די הייליגע טעג, אידן ברויכן געהאָלפן ווערן.

ס'איז ידוע, אַז די גאַנצע וועלט ברויך גרויס רחמים וחסדים פון בורא כל עולמים, ברויך מען דאָך נישט צו זאָגן.

און היצטערט איז מען דאָך אין די טעג, די ימי אלול זענען דאָך פאַרדעם, אַז מ'זאָל זיך אָנגרייטן, מ'זאָל האָבן הכנה אויף די הייליגע טעג, דער חודש אלול איז אַ חודש הרחמים.

דאָס זענען די ימי תשובה, וואָס מ'ברויך צו טאָן פאַר'ן בורא כל עולמים, מ'זאָל האָבן הכנה אויף די הייליגע טעג, אָבער אין דעם גרויסן חשכות איז מען דאָך רחוק פון יעדע נקודה.

כא

## ימי הסליחות הם ימי ביקור

איבערהויפט היצט שוין, ס'איז שוין די לעצטע טעג, די ימי הסליחות וואָס מ'שטייט אויף, דאָס זענען די ימי ביקור.

---

[1] באבן עזרא פירש על הפסוק (לב, מח) בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה, היום שאמר השירה. וכן בשאר מפרשים.

ווערן זיי דאָך אָנגערופן איבערדעם, אַזוי ווי די ד׳ ימים וואָס אַ קרבן ברויך האָבן ביקור[ז], דאָס זענען דאָך די ימי הסליחות.

כב

און די יאָרן ריקן זיך, ס׳גייען די יאָרן, נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר, ס׳גייט דורך ימי אלול און די הייליגע טעג, ס׳איז אַלץ דורכגעגאַנגען בעוונינו הרבים און מ׳האָט נישט געזען און מ׳האָט נישט געהערט.

[ירחם השי״ת] ס׳זאָל נישט חלילה אַזוי זיין ווייטער, מ׳זאָל חס ושלום נישט אַרויסגיין מיט גאָרנישט אַזוי ווי די פריערדיגע יאָרן.

ירחם השם יתברך על עמו:

אַז מ׳זאָל די זכיה האָבן, מ׳זאָל קאָנען מקשט את הלב זיין.

מ׳זאָל די זכיה האָבן, מ׳זאָל זאָגן דיבורים פאר׳ן בורא כל עולמים.

מ׳זאָל זוכה זיין צו תשובה שלימה, זיך מדבק זיין אין דרך האמת.

כג

# ביאור הקשיות בפרשת נצבים

## הראש והעיקר ביום הדין שדנים על ישועה הכלליות

איבערדעם, דער פסוק זאָגט קודם, אַז אידן ברויכן ישועות איז קודם דער כלל ישראל, אין כלליות, דאָס איז דאָך דער עיקר, ווייל ווען ס׳איז דאָ אַ ישועה כלליות ממילא איז דאָך יעדער געהאָלפן, אין דעם ליגט דאָך אַלעס, רוחניות און גשמיות.

כד

אין בן דוד בא עד שיכלה הפרטיות מכים הלב, דהיינו שיתפללו על צורך הכלל, להגאל במהרה

אַזוי ווי דער זיידע [הייטב לבן] זכרונו לברכה ברענגט דאָך[ח], ס׳איז ידוע, ס׳איז **מקובל מפי אליהו**, אין בן דוד בא עד שיכלה ״פרוטה״ מן ״הכיס״, דאָס ״פרטיות״ פונעם ״כיס הלב״. וואָרן דער אמת, אַ ישועה שלימה איז נאָר דאָס, אַז דער כלליות וועט געהאָלפן ווערן.

השם יתברך ירחם, אונז זאָלמיר נאָך די זכיה האָבן צו זען די ישועה כלליות. בעוונינו הרבים די אַלע צרות, כלליות און פרטיות, אַלעס האָט מען שוין מיטגעמאַכט, וואָס האָט מען דען נישט מיטגעמאַכט שוין.

---

[ז] **באליה רבה** (סי׳ תקפא, ח׳) כתב טעם, דבכל הקרבנות נאמר והקרבתם, ובראש השנה נאמר ועשיתם (במדבר כט, ב), שיעשה האדם עצמו קרבן בראש השנה, ולהכי צריך ד׳ ימים, על ידי התענית, יבקר ויפשפש בחטאיו דומיא דקרבן מפני המומין (עטרת זקנים סק״א).

[ח] **בייטב פנים** (מאמר שוב אשיב אות ל). אמרו חז״ל (סנהדרין צז.) אין בן דוד בא עד שיתייאשו עצמן מן הגאולה, ועמד על זה מוזלה״ה **הישמח משה** ותמה מאד, איך אפשר להתייאש מהגאולה, ואמרתי לו על פי מה ששמעתי מפה קדשו, שקיבל מרבותיו [ובמקום אחר כתב ששמע ממורו הרב הקדוש מלובלין] שקיבלו איש מפי איש מפי אליהו זכור לטוב, לפרש מאמרם (סנהדרין צז.) אין בן דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכיס, היינו שיש לכל אחד ואחד בקשות פרטיות, זה לבנים וזה לרפואה וזה לפרנסה וכדומה, ועל זה אמרו אין בן דוד בא עד שתכלה ״פרוטה״, היינו בקשות ״פרטיות״ צרכי עצמו, מכיס הלב, אלא יבקשו את ה׳ לצורך הכלל להגאל מהרה. וזה שאמרו אין בן דוד בא עד שיתייאשו ישראל עצמן מן הגאולה, כלומר שיסורו דעתם ויתייאשו מלבקש צורכי ״עצמם״, מכח הגאולה, בשביל שיבקשו רק על הגאולה, שהוא בקשה כללית למען שמו ולמען שכינתו, והוטב פירוש זה בעיניו וקלסיה. עכ״ל.

KolSatmar.com

השם יתברך ירחם, שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ (תהלים צ, טו). אונז זאָלמיר נאָך די זכיה האָבן צו זען די ישועה וואָס אידן וועלן געהאָלפן ווערן, מ׳זאָלמיר נאָך זיין צווישן די אידן וואָס ס׳וועט זיין יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר (ישעי׳ מט, ג), ס׳וועט זיין יִשְׂמְחוּ הַשָּׁמַיִם וְתָגֵל הָאָרֶץ.

[השי״ת ירחם] **מ׳זאָל חלילה נישט נדחה ווערן פאַר קיין עונות ופשעים, הן פון דעם גלגול און הן פון די פריעריגע גלגולים. ווייסט מען דען נאָכוואָס מ׳איז אַראָפּגעקומען אויף דעם עולם, וואָס מ׳ברויך צו פאַררעכטן.**

**כה**

יישוב קושיא ג: הכתוב מודיענו דביום הדין דנין מתחילה על ענין ״כולכם״, דהיינו הישועה הכלליות

איבערדעם זאָגט דער פסוק, אתם נצבים היום [דקאי על ראש השנה], קודם איז ״כֻּלְּכֶם״ לִפְנֵי ה׳ אֱלֹקֵיכֶם, דאָס כלליות, נאָר אין כלליות.

**כו**

## אבל כל אחד צריך גם לישועה פרטית

**יעדער עקסטער ברויך אַ ישועה בפרטיות, אַז ער זאָל געהאָלפן ווערן, ער זאָל נישט חלילה נדחה ווערן. אַז מ׳זאָל די זכיה האָבן צו הרהורי תשובה אמיתיים, נישט געפּאָפּט און נישט געטאַרט.**

וואָרן דער אמת, איז מען דאָך זייער ווייט [מהרהורי תשובה אמיתיים], ס׳איז דאָך רחוק ה׳ מכליותם[ט] פונעם פנימיות.

**כז**

שָׁפְכוּ דָמָם דמעות, כַּמַּיִם, זהו רק סְבִיבוֹת יְרוּשָׁלָם, מחוץ ללב, וְאֵין קוֹבֵר שאין מכניסין זאת בפנימיות.

ווי דער **רבי ר׳ ברוכ׳ל** [ממעזיבוש] טייטשט[י], **שָׁפְכוּ דָמָם כַּמַּיִם סְבִיבוֹת יְרוּשָׁלָם וְאֵין קוֹבֵר** (תהלים עט, ג), מ׳ווערט דאָך אָנגערופן, אֵין אִישׁ שָׂם עַל לֵב (ישעי׳ נז, א), יְרוּשָׁלַיִם ווערט אָנגערופן לֵב [שהוא באמצע העולם], דאָס האַרץ ווערט אָנגערופן ירושלים.

דער רבי ר׳ ברוכ׳ל זאָגט ער, ס׳איז פאַרהאַנדן שָׁפְכוּ דָמָם, מ׳פאַרגיסט טאַקע אַמאָל טרערן, אָבער ס׳איז סְבִיבוֹת יְרוּשָׁלָם, ס׳איז אַרום פונעם האַרץ. וְאֵין קוֹבֵר, מ׳נעמט עס נישט אַריין אין האַרץ אַריין, אין פנימיות.

**כח**

איבערדעם אין כלליות ברויך מען האָבן [אַ ישועה, אבל גם] יעדערער בפרטיות ברויך אַ ישועה.

**יעדער איד ברויך תשובה טאָן פאַר זיך עקסטער פון כלליות, תשובה טאָן פאַר׳ן באַשעפער קען מען נאָר אויף זיינע עונות, אויף יענעמס עונות קען מען נישט תשובה טאָן, דאָס ברויך יעדערער פאַר זיך, דאָס קאָן מען זיך נישט פאַרלאָזן אויף קיינעם, מיט הרהורי תשובה אמיתיים.**

---

[ט] על הפסוק (ירמיה יב, ב) קָרוֹב אַתָּה בְּפִיהֶם וְרָחוֹק מִכִּלְיוֹתֵיהֶם. ופירש במצודות דוד, גם כי בפיהם מראים עצמם יראים את הקֵל, זהו מן השפה ולחוץ, אבל רחוק אתה ממחשבות כליותיהם ולא יאמינו בך באמת.

[י] בספר בוצינא דנהורא כתב וז״ל. הלב מכונה בשם ירושלים, שכמו שירושלים באמצע העולם, כך הלב באמצע הגוף, פירוש שעשו את הלב לתוהו ובוהו וכו׳ שפכו דמם כמים, היינו דמעות, אפילו מה ששופכים דמעות כמו מים, הוא רק סביבות ירושלים, היינו סביב הלב, ואין קובר, אין מי שיקבור הדמעות בקירות הלב, עכ״ל. - וציינו שם שאמר זאת בשבת קודם סליחות.

KolSatmar.com

**יעדערער ווערט נידון בפרטיות,** [כמו שאומרים וּבְרִיּוֹת בּוֹ יִפָּקֵדוּ וכו'] **מַעֲשֵׂה אִישׁ וּפְקֻדָּתוֹ, מִי לֹא נִפְקַד כְּהַיּוֹם הַזֶּה, מ'פאַרגעסט נישט פון קיינעם, בפרטיות.**

**כט**

הפסוק שמרמז על יום הדין, מתחיל אתם נצבים היום כֻּלְּכֶם, שמרמז שבתחלה דנים על עניני הכלל

איבערדעם זאָגט דער פסוק [אתם נצבים] היום דא ראש השנה, [שביום הדין] קודם איז כֻּלְּכֶם, אַלעס אינאיינעם [היינו הכלליות].

**ל**

בראש השנה דנים בתחילה על בית המקדש שנקרא רִאשׁוֹן

דאָס ערשטע הייבט זיך אָן [המשפט שדנים בעניני הכלליות].

ווי דער זיידע [הייטב לב] **זכרונו לברכה** טייטשט [זֶה הַיּוֹם תְּחִלַּת מַעֲשֶׂיךָ זִכָּרוֹן לְיוֹם רִאשׁוֹן, שקאי] אויף ראש השנה[יא], איז נידון [על ביאת המשיח שנקרא רִאשׁוֹן, וגם] דער בית המקדש ווערט דאָך אָנגערופן רִאשׁוֹן, מָרוֹם מֵרִאשׁוֹן מְקוֹם מִקְדָּשֵׁנוּ (ירמי' יז, יב), אַזוי זאָגט דאָך די גמרא (פסחים ה.).

[ומפרש הייטב לב] זֶה הַיּוֹם אין דעם טאָג [היינו בראש השנה], איז תְּחִלַּת מַעֲשֶׂיךָ דער זִכָּרוֹן לְיוֹם רִאשׁוֹן [שדנין מתחילה אם יבוא משיח ויבנה בית המקדש], דאָס בית המקדש איז יוֹם רִאשׁוֹן. [עכ"ל הייטב לב].

**לא**

איבערדעם קודם איז "כלכם" לפני ה' אלקיכם, קודם ווערט נזכר פאַר'ן בורא כל עולמים דאָס כלליות, און דעם ליגט דאָך אַ גרויסע זאַך, ס'ליגט דאָס כלליות ישראל, ווען ווען שוין אידן געהאָלפן ווערן, איבערדעם איז קודם כלכם לפני ה' אלקיכם.

**לב**

לאחר שדנין על הכלליות דנין על כל איש בפרטיות

**דערנאָך זאָגט דער פסוק, מ'זאָל נישט מיינען אַז פון פרטיות פאַרגעסט מען,** [ודנים] נאָר דאָס כלליות, ס'איז טאַקע דער עיקר [הכלליות, אבל] פונדעסטוועגן "כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל" אַ לשון יחיד [ומיושב קושיא ב].

**יעדן איש ישראל נעמט מען עקסטער אַפיר, שטייט מען עקסטער לדין יעדערער בפרטיות.**

איבערדעם שטייט דאָס צוויי מאָל, איז דאָס טאָפּלט, מ'איז נאָכאַמאָל כולל, אויסערן כלליות איז כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל.

---

[יא] **בייטב לב** (פרשת אמור עה"פ בחודש השביעי) וז"ל, הענין על פי מה שפירשתי [מה שאומרים בתפלת מוסף לר"ה] זֶה הַיּוֹם תְּחִלַּת מַעֲשֶׂיךָ זִכָּרוֹן לְיוֹם רִאשׁוֹן וכו'. דידוע דמלבד מה שדנין העולם להזכירם לחיים וכו', עיקר הדין אם להגאל מגלות המר או להשאר ח"ו עוד בגלות, ואם יהיה שמו וכסאו שלם וכו'. וזה תחלת המשפט, כי אם יגמר הדין להגאל, שוב אין מקום לדון על עניני עוה"ז, כי בביאת משיח עתידה ארץ ישראל שתוציא גלוסקמאות וכו' ויהיה הכל טוב וכו'. אך אם ח"ו נגמר הדין להשאר בגלות, אז דנין על עניני גשמיות עוה"ז. - והנה יום ביאת משיח נקרא יום ראשון, עפ"י דאיתא במדרש רִאשׁוֹן זה משיח, שנאמר רִאשׁוֹן לְצִיּוֹן הִנֵּה הִנָּם, ובית המקדש נקרא רִאשׁוֹן, דכתיב ביה מָרוֹם מֵרִאשׁוֹן מְקוֹם מִקְדָּשֵׁנוּ. וזה אומרו זֶה הַיּוֹם תְּחִלַּת מַעֲשֶׂיךָ, כלומר של המשפט, זִכָּרוֹן לְיוֹם רִאשׁוֹן, שמזכירין יום ביאת משיח, ועל זה דנין מתחלה אם בא יבא בשנה הזאת ובל יאחר. ואח"כ אם ח"ו לא נגמר להגאל, אז ועל המדינות בו יאמר איזו וכו'. והנה זה המשפט הראשון של ביאת משיח תלוי בנו, אם נשוב בתשובה שלימה, כי כלו כל הקצין ואין הדבר תלוי אלא בתשובה וכו', עכ"ל הייטב לב.

KolSatmar.com

### לג

דער בורא כל עולמים זאָל רחמנות האָבן מ׳זאָל נישט פאַרפאַלן ווערן, יעדערער יחיד פאַר זיך, יעדער ווייסט דאָך וויאַזוי מ׳זעט אויס, וויאַזוי מ׳האָט זיך אָנגעברענגט די יאָרן, וואָס מ׳האָט זיך אָנגעגרייט אין אַלע יאָרן, אין די אַלע זמנים, איבערהויפט פאַר ראש השנה, מ׳ווייסט דאָך וויאַזוי מ׳זעט אויס די מחשבות, די דיבורים, די מעשים. דער בורא כל עולמים פאַרגעסט נישט פון גאָרנישט.

איבערדעם שטייט נאָכאַמאָל עקסטער כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל [כי יעדן איש ישראל, נעמט מען עקסטער אַפיר].

### לד
גדלות דור המדבר

איבערדעם קען זיין וואָס משה רבינו האָט געזאָגט ולא עשה אתכם כליה [קושיא ה, כי] דער דור המדבר, אפילו וויאַזוי ס׳איז געווען [שנשארו במדבר], איז קיין שום איד נישט נדחה געוואָרן.

מילא דאָס דור [הדור השני], די וואָס זענען אַריינגעגאַנגען קיין ארץ ישראל, זענען דאָך געווען כולם צדיקים וטהורים.

און אפילו דאָס דור המדבר [הדור הראשון יוצאי מצרים] וואָס זענען געבליבן [שמתו במדבר] זענען דאָך געווען זייער גרויס.

### לה
איתא בזוהר הקדוש, שהחברייא דרשב״י ראו איך דור המדבר לומדים תורה מפי משה ואהרן במתיבתא דרקיע

שטייט [בזוהר הקדוש][יב] לית דרא כהך דרא, זיי האָבן געלערנט במתיבתא דמשה, במתיבתא דרקיעא [עכ״ל].

### לו
משה רבינו נשאר במדבר כדי שיעמדו עמו לתחיית המתים

ס׳איז געווען אַ דור דיעה, און אפילו [שהיה להם כמה חטאים, ומחמת] פאַר די חטאים וואָס זענען געבליבן [במדבר, מכל מקום] האָט דער בורא כל עולמים געזאָרגט פאַר זיי. משה רבינו איז דאָך פאַרדעם געבליבן דאָרטן, כדי זאָלן אַלע קאָנען אויפשטיין צו תחיית המתים[יג].

### לז
כל אלו שעמדו במעמד הר סיני לא שלטה בהם רימה ותולעה

איבערדעם זענען די אַלע, דאָס גאַנצע דור המדבר. שטייט דאָך אין **פרקי דרבי אליעזר**[יד] אַז די אַלע וואָס זענען געשטאַנען ביים מעמד הנבחר לא שלטה בהם רימה ותולעה.

---

[יב] **בזוהר הקדוש** (שלח קסג.) כתב שנתגלו לחבריא קדישא של רבי שמעון בר יוחאי דברים נסתרים וזכו לראות את דור המדבר במתיבתא דרקיעא, ומסיים בזה הלשון, זַכָּאָה דָּרָא דָא, מִכָּל דָּרִין דְּעָלְמָא. נַפְקֵי מִמְּתִיבְתָּא דְּמֹשֶׁה, וּפַרְחֵי לְגַבֵּי מְתִיבְתָּא דִּרְקִיעָא וכו׳.

[יג] **במדרש** (דברים רבה ב, ט) עה״פ כי לא תעבור את הירדן הזה, אמר לו הקב״ה למשה, אם אתה נקבר כאן אצלן, בזכותך הן באין עמך וכו׳ אם נקבר אתה אצלם במדבר, הן באים בזכותך. - וכן איתא במדרש (במדבר רבה יט, יג) אמר לו הקב״ה למשה, שבחך הוא שהוצאת ששים רבוא וקברתם במדבר ואת מכניס דור אחר, עכשיו יאמרו אין לדור המדבר חלק לעולם הבא, אלא תהא בצדן ותבא עמהן.

[יד] **בפרקי דרבי אליעזר** (פרק מ) וז״ל, רבי פנחס אומר, כל אותו הדור ששמעו קולו של הקב״ה בהר סיני, זכו להיות כמלאכי השרת, ולא משלו בהם לא כנים, ולא ראו טפת קרי בחייהם, ובמותם לא שלטה בהם רמה ותולעה, אשריהם בעולם הזה ואשריהם בעולם הבא ועליהם אומר הכתוב אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁכָּכָה לּוֹ.

KolSatmar.com

די אַלע מֵתֵי מִדְבָּר זענען גאַנץ, אַזוי ווי זענען געווען, און זיי וועלן אויפשטיין בימות המשיח אינאיינעם מיט משה רבינו׳ן.

און ווער ס׳וועט די זכיה האָבן צו דערלעבן די גאולה, ווען אליהו וועט קומען מיט משה רבינו׳ן צוזאַמען וועלן מיטקומען דאָס דור המדבר. ער [משה רבינו] איז דאָך פאַרדעם געבליבן, ער זאָל זיי מיטנעמען, ווער ס׳וועט די זכיה האָבן אָנצוקוקן דעם דור המדבר, ששים רבוא אידן וואָס זענען דעמאָלטס געשטאַנען ביים מעמד הנבחר, און זיי האָבן אַליין געהערט דעם אנכי ה׳ אלקיך.

אז מ׳וועלמיר דערלעבן משיח׳ן וועלמיר זיי די זכיה האָבן צו זען מיט אונזערע אויגן.

השם יתברך זאָל העלפן מ׳זאָלמיר זיין צווישן די, וואָס מ׳וועלמיר דאָס דערלעבן, מ׳וועלמיר דאָס זוכה זיין צו זען.

## לח

ישוב המדרש [אות ה] למה נסמכו אתם נצבים לקללות שמשה פייסם שלא עשה בהם כליה

איבערדעם קאָן זיין, איבערדעם זאָגט ער דאָ [שנסמכה לקללות, אתם נצבים היום וגו׳] כל איש ישראל, [שמשה פייסם, הרבה הכעסתם לפני המקום ולא עשה אתכם כליה] אַז קיינער איז נישט חלילה [נדחה געוואָרן].

מי שאין לו חלק לעולם הבא זה נקרא כליה

ביי יעדן מענטש איז פאַרהאַנדן חלילה כליה, ער ווערט פאַרפאַלן פון עולם הזה און פון עולם הנצחי. ווער ווייסט דען וואָסערע עבירות מ׳האָט געטוהן, וואָס ס׳שטייט[טו] אויף זיי אין להם חלק לעולם הבא,

**מ׳דאַרף זיך גוט באַרעכענען. מ׳דאַרף נישט אויסצורעכענען קיין פרטיות, אַז מ׳איז מתבונן די אַלע ענינים וואָס ס׳שטייט. קיינער איז נישט פאַרזיכערט, חלילה אַז מ׳דינט נישט דעם באַשעפער באמת, צי מ׳איז נישט אַריינגעפאַלן אין די חטאים שאין להם חלק לעולם הבא, דאָס איז חלילה ״כליה״.**

איז דער פשט, ער [משה רבינו] האָט זיי געוויזן דאָס גאַנצע דור המדבר, אַז קיינער איז נישט [נדחה געוואָרן], אַז ניטאַמאָל איינער [איז] געווען ביי דער בחינה פון כליה, און די אַלע וועלן זוכה זיין לימות המשיח און לעולם הנצחי, אשרי חלקם טאַקע דאָס דור המדבר. שטייט דאָך דער **זוהר הקדוש** זאָגט אויך (שם), אשרי חלקם דאָס דור המדבר. [עַל הַהוּא דָּרָא כְּתִיב, אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁכָּכָה לוֹ אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁה׳ אֱלֹקָיו].

## לט

קאָן זיין די [פיוס שאמר משה לישראל, ולא עשה בכם] כליה גייט אַרויף אפילו אויפ׳ן פרטיות, קיין שום איד איז נישט געקומען צו אַ בחינה פון כליה.

---

[טו] **ברמב״ם** (הלכות תשובה פרק ג) מונה כל אלו שאין להן חלק לעולם הבא, וז״ל, כל אחד ואחד מכ״ד אנשים אלו שמנינו, אף על פי שהן מישראל אין להם חלק לעולם הבא. ויש עבירות קלות מאלו ואף על פי כן אמרו חכמים שהרגיל בהן אין להם חלק לעולם הבא, וכדאי הן להתרחק מהן ולהזהר בהן, וכו׳. – ומסיים: במה דברים אמורים שאין לו חלק לעולם הבא, כשמת בלא תשובה, אבל אם שב מרשעו, ומת והוא בעל תשובה, הרי זה מבני העולם הבא, שאין לך דבר שעומד בפני התשובה, אפילו כפר בעיקר כל ימיו, ובאחרונה שב, יש לו חלק לעולם הבא. עכ״ל הרמב״ם, עיי״ש.

KolSatmar.com

[יישוב קושיא ט] הקללות, דהיינו העונשים והיסורים מקיימים אתכם, שע"ז מתקנים בתשובה וניצולים מכליה ח"ו

ביי יעדן איד איז פאַרהאַנדן ער האָט עונשים מיט יסורים, [אָבער] אַלץ נישט קיין כליה, ענדליך ער דרייט זיך אַרויס, ער פאַררעכט מיט תשובה, ער פאַררעכט און קומט צו, ער איז חלילה נישט פאַרפאַלן אויף לעולם הנצחי, אויף אייביג איז מען נישט פאַרפאַלן.

דאָס איז טייטש ולא עשה אתכם [כליה], מ'האָט קיינער נישט [געהאַט] קיין כליה. [והגם שכתב "אתכם" לשון רבים, מכל מקום הכוונה] ער גייט אַרויף אויף יעדן [יחיד] אויפ'ן כל "איש" ישראל, יעדער יחיד, אפילו פון דור המדבר [הגם שנשארו במדבר], איז נישט געווען קיין כליה אויף אים חס ושלום.

[ומיושב קושיא ד, דלכן כתב אִישׁ, שלא היה כליה אצל שום יחיד, ולא נדח ממנו ידח. גם מיושב קושיא ה, שהגם שנשבע הקב"ה שלא יבא כליה על כלל ישראל, אבל מורא עלה על ראשם, דהיחיד אינו בכלל השבועה, ופייסם משה שלא היה כליה גם אצל שום יחיד. וכן מיושב קושיא ז, שלא עשה משה פלסתר מהתוכחה, כי באמת יש ח"ו עונשים ויסורים למי שעובר עבירות ח"ו, אבל אם מתקנים הדבר בתשובה, אינם באים לידי כליה, וזוכים לעולם הנצחי].

מ

## מאה ברכות ממתיק הקללות

שטייט (רוקח הל' ברכות, שכ) די מאה ברכות וואָס דוד המלך האָט מתקן געווען, דאָס איז ממתיק צו זיין די מאה קללות, די מאה קללות חסר שתים[טז].

די מאה קללות פון די תוכחה, זענען די מאה ברכות[יז].

און די מאה ברכות אַז מ'זאָגט בכוונה, שטייט מען פאַר'ן באַשעפער.

הֻקַם מלשון תקומה, עָל בגימטריא ק', ובא לרמז דעל ידי המאה ברכות יש תקומה

שטייט די גמרא זאָגט וּנְאֻם הַגֶּבֶר הֻקַם עָל (שמו"ב כג, א), עָל טרעפט אָן מאה, הֻקַם עָל, ער [דוד המלך][יח] האָט אויפגעשטעלט די מאה ברכות, מיט דעם האָט מען אַ תקומה.

אופן ב [בישוב קושיא ט]: שע"י המאה ברכות שהם מהפכין את הקללות, יש תקומה לפני השי"ת.

איבערדעם זאָגט ער [רש"י], די קללות זענען "מקימין" אתכם לפניו. וואָרן דורך די קללות האָט מען מתקן געווען די מאה ברכות, און די מאה ברכות זענען מקימין אתכם לפניו יתברך שמו, אַז מ'פאַרגעסט נישט אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער, אַז מ'שטייט כסדר פאַר'ן בורא כל עולמים, אַז מ'האָט אינזין וואָס מ'זאָגט ביי יעדע ברכה פון די מאה ברכות וואָס מ'זאָגט בכל יום[יט].

---

[טז] במדרש (במד"ר יח, כא) וז"ל, הֻקַם עָל, כנגד מאה ברכות, שבכל יום היו מתים מישראל מאה אנשים, בא דוד ותקן להם מאה ברכות, כיון שתקנם נתעצרה המגפה, עכ"ל. - וכתב ברוקח, יהי שם ה' מבורך מעתה ועד עולם, יתברך שמו מפי קדושיו, אשר חשק בבני ישראל ושאל ממנו לברכו בק' ברכות כל היום וכו', להגן על צ"ח קללות הכתובים במשנה תורה, וכשתדרוש 'גַּם כָּל חֳלִי' 'וְכָל מַכָּה' הרי **מאה**. עיי"ש.

[יז] **בישמח משה** (עקב עה"פ ועתה ישראל, אופן ה') בשם האר"י ז"ל, דכשמברך מאה ברכות, מהפך תיבת **קללה** למפרע, והוא **הלל ק'**, ונעשה ממנו ברכה. עיי"ש.

[יח] **בעץ יוסף** (על המד"ר שם) מפרש, שדוד המלך אמר זאת על עצמו.

[יט] **בדברי יואל** (תרומה, עמוד רל) כתב רבינו וז"ל, מה שחייב אדם לברך מאה ברכות בכל יום, אין הכונה שיברך אותם מן השפה ולחוץ בלבד, אלא שתהיה לו כונה אמיתית לברך השי"ת על כל תנועה ותנועה ומעשה שעושה כל היום, מרגע שהחזיר לו השי"ת נשמתו, והכל נכלל במאה ברכות אלו אשר נתקנו על סדר העולם והנהגתו.

KolSatmar.com

מא

# ביאור הקשיות בפרשת וילך

איבערדעם איז וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה, ער [הרבינו בחיי] זאָגט, ער [משה רבינו] איז געגאַנגען צו יעדן [לאהלו, והקשינו (קושיא יא) למה הוצרך לזה].

בפרשת נצבים דיבר להכלליות, ומזה למד הרבינו בחיי שהכוונה בוַיֵּלֶךְ, היינו שהלך לכל אחד לאהלו

איז דאָס מקושר [הפרשיות]. אין די פריערדיגע פרשה [פרשת נצבים] זאָגט ער דאָך כלכם און נאָכאַמאָל "כל איש ישראל", מיט דעם האָט ער געוויזן ער האָט גערעדט פאַר'ן כלליות קודם.

און דערנאָכדעם [בפרשת וילך] איז ער געגאַנגען - אַזוי ווי דער רבינו בחיי זאָגט - צו יעדן בפרטיות, יעדן אַריינגעקראָכן לחדרי בטנו אַז מ'מיינט אים [ומיושב הדיוק סוף קשיא יא, דמאחר שכבר דיבר לכל ישראל בכלליות מוכח להרבינו בחיי שוילך הכוונה לכל אחד בפרטיות].

מב

משה רבינו דיבר לכל איש ישראל בפרטיות לפי בחינתו

יעדער האָט דאָך אַנדערע פרטיות וואָס ער ברויך האָבן.

פונקט אַזוי ווי די גמרא זאָגט (ברכות נה עא. במד"ר פכ"א ב') כשם שאין פרצופיהם שוין כך אין דיעותיהן שוין.

**אַזוי [ווי] יעדער האָט אַן אַנדערע דיעה, יעדער האָט דאָס האַרץ אויף אַן אַנדערע בחינה, און דער דעת אויף אַן אַנדערע בחינה, דער מוח אויף אַן אַנדערע בחינה.**

**אַזוי ברויך יעדער האָבן אַ דרך אין אידישקייט לויט זיין בחינה, יעדער ברויך האָבן אַ ישועה לויט זיין בחינה, אַזוי ווי זיין דעת זיין טבעיות איז אַנדערשט, קיין שום מענטש איז נישט גלייך מיט'ן אַנדערן.**

מג

משה רבינו היה לו הכח להשפיע בפרטיות לכל אחד ואחד

[ולכן התפלל משה רבינו ע"ה (במדבר כז, טז)] יִפְקֹד ה' אֱלֹקֵי הָרוּחֹת [ופרש"י עה"פ איש אשר רוח בו] שיוכל לילך כנגד רוחו של כל "אחד ואחד".

און דאָס איז נאָר געווען, נאָר משה רבינו [שהיה לו הכח הזה], אָבער [התפלל שהשי"ת יפקוד מנהיג] מיט סייעתא דשמיא, [אשר יוכל להשפיע] מיט זיינע דיבורים, ס'זאָל עולה זיין אויסערן כלליות [לכל הציבור, גם להפרטיות] לפי רוחו של כל אחד ואחד.

מד

[וזה יש לומר גם בפרשת וילך] דאָס זאָגט דער רבינו בחיי וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה [שהלך לכל אחד בפרטיות].

ויש לומר, שמשה רבינו לא הלך בעצמו, רק כוחו הלך לחדרי לבבו של כל אחד ואחד

אפשר קאָן גאָר זיין, ער איז ניטאַמאָל געגאַנגען [בגופו. ומיושב קושיא יא למה לא קראם לפניו]. נאָר אַז דער "כח" זיינער איז געגאַנגען, הייסט עס שוין [וַיֵּלֶךְ] אַזוי ווי ער איז געגאַנגען.

דער פסוק זאָגט אַז משה רבינו איז געווען פאַר׳ן הסתלקות, אַז ער האָט זיך געזעגנט מיט אידן, און ער האָט געוואָלט ברענגען אַ ישועה פאַר׳ן כלל ישראל, האָט ער אַריינגעשיינט אין יעדן בפרטיות וואָס ער האָט געברויכט, אויף וואָס פאַר אַ בחינה.

**יעדערער וואָס מ׳דאַרף תשובה צו טאָן, איז דאָ אַן אַנדערע בחינה וואָס קאָן אים מעורר זיין, וואָס קאָן אים אויפוועקן דאָס האַרץ, יעדער ברויך אַן אַנדערע בחינה, אַנדערע מיני דיבורים, וואָס נאָר דער בורא כל עולמים שיקט אַריין.**

עס ווערט דאָך אָנגערופן ״וַיֵּלֶךְ״[כ], איבעראָל וואו דער כח גייט, איז דאָך אַזוי ווי מ׳איז געגאַנגען אַהין.

איבערדעם זאָגט ער, אַז צו יעדן עקסטער איז ער געגאַנגען, [היינו שכוחו הלך] אין פנימיות לבבו אַריין, בחדרי בטנו בחדרי ביתו.

מה

**יעדערער ביי זיך אין שטוב ברויך צו זיין אַ איד.**

**ס׳איז פאַרהאַן איינער ברויך אַ ישועה אין בית המדרש, אין דיבורי תורה ותפלה.**

**איינער ברויך אַ ישועה ביי זיך אין הויז, אין שטוב, ער זאָל זיין אַ איד, ער מיט׳ן בני בית, אַלע זאָלן זיין נאמנים לה׳ ולתורתו, בכל עשיותיו מיט מחשבות טהורות פאַר׳ן בורא כל עולמים, מ׳זאָל נישט נתגשם ווערן.**

**א יעדערער איד בפרטיות ברויך אַן אַנדערע ישועה אויף אַן אַנדערע בחינה, קיינער ווייסט נישט מטמונותיו של חבירו, נאָר איין באַשעפער וואָס ער קאָן משפיע זיין פאַר יעדן עקסטער.**

**וואָס קאָן מען טאָן אין דעם דור השפל, מִי יוֹרֶה דֵעָה וּמִי יָבִין שְׁמוּעָה[כא]. אויף וועמען קאָן מען זיך פאַרלאָזן, ווער וועט פאַר אונז בעטן, ווער וועט אונז משפיע זיין אין די מגושם׳ע הערצער.**

**ס׳קומען די הייליגע טעג, השם יתברך זאָל מעורר רחמים זיין אין זכות פון די פריערדיגע צדיקים קדושי עליונים, וואָס זיי האָבן געבעטן דעם באַשעפער עד סוף כל הדורות, אויף אייביג האָבן זיי געבעטן דעם בורא כל עולמים, ס׳זאָל זיך דערוועקן דער זכות פון אונזערע רבי׳ס, פון אונזערע עלטערן, פון די פריערדיגע דורות, וואָס זיי האָבן געדינט דעם באַשעפער באמת, ס׳זאָל מגין זיין אויף אונז.**

**מ׳לעבט מיר אין אַזאַ דור שפל, אין אַזאַ חשכות, מ׳האָט זיך נישט וואו אנצוכאַפּן, פון וועמען זאָל מיר זיך דערוואַרעמען, וואו זאָל מיר זוכן טהרת הלב.**

---

[כ] **בס״ג שופטים תשי״ג** (לשון קדשו אות מו) **וזלש״ק, דער בני יששכר זאָגט** (סיון, ימי הגבלה ב, ב)**, ס׳שטייט וואו נָעֳמִי האָט געזאָגט פאַר רות׳ן וְיָרַדְתִּי הַגֹּרֶן עמך, כ׳וועל מיט דיר גיין, [יש בפסוק] אַ קרי מיט אַ כתיב, [הקרי] וְיָרַדְתְּ, און [הכתיב] וְיָרַדְתִּי. דער מדרש זאָגט ״זכותי תרד עמך״, כאָטש זי [נָעֳמִי] איז דאָך נישט מיטגעגאַנגען, נאָר ווייל איר ״זכות״ איז מיטגעגאַנגען הייסט דאָס ווי גלייך זי איז מיטגעגאַנגען.**

[כא] עפ״י הפסוק ישעי׳ כח, ט.

KolSatmar.com

השם יתברך זאָל העלפן, די הייליגע טעג זאָלן דורך [גיין] מיט רחמים וחסדים, מ'זאָל אויף אונז רחמנות האָבן, און אויפ'ן גאַנצן כלל ישראל, בשמי שמים. ס'זאָלן זיך דערוועקן די מלאכי רחמים, און זאָלן אויף אונז מלמד זכות זיין, אין דעם גרויסן שפלות.

**מו**

איבערדעם איז געווען וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה.

[היינו שהשפיע בפרטיות לכל אחד. הן מה שצריך לו בבית המדרש, וזה הכוונה (קשיא י') שהלך לְבֵית מַשְׁכַּן אוּלְפָּנָא, וכן השפיע בכל בית מה שצריך שם, לו ולבני ביתו, וזה כוונת הרבינו בחיי שהלך אצלם, כשהלכו איש לאהליו, ונמצא ששני בחינות הוא אמת].

ויש להוסיף עוד, שוַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה קאי גם לאחר הסתלקות משה רבינו ע"ה

קאָן זיין, אפילו ווען משה רבינו איז נסתלק געוואָרן, אָבער די דיבורים זענען געבליבן[כב], וַיְדַבֵּר אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל [היינו שכוחו הולך אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל עד סוף כל הדורות].

**מז**

ביאור המדרש [קושיא יב:] לֹא אוּכַל עוֹד לָצֵאת וְלָבוֹא [בחכמה], זה שאמר הכתוב וְלֹא קָם "נָבִיא" עוֹד בְּיִשְׂרָאֵל כְּמֹשֶׁה

לעולם ער [משה רבינו] האָט געזאָגט **לֹא אוּכַל עוֹד לָצֵאת וְלָבוֹא**, [ופרש"י, בדברי תורה, מלמד] שנסתמו [ממנו] מעיינות החכמה.

ס'איז געווען בדרך נס מוז איך זאָגן, כדי ס'זאָל אים נישט שווער אָנקומען צו גיין צו יהושע'ן[כג].

נו [מאחר שנסתמו ממנו מעיינות החכמה] וויאַזוי דען האָט ער געזאָגט אַזויפיל דיבורים, די שירה [שירת האזינו] איז דאָך געווען עד סוף כל הדורות [ונאמר באותו היום] (ע' אות יט).

[ומתרץ המדרש זה שאמר הפסוק] זאָגט דער פסוק, אפילו ס'איז נישט געווען די מעיינות "החכמה" הטבעיות, אָבער **וְלֹא קָם "נָבִיא" עוֹד בְּיִשְׂרָאֵל כְּמֹשֶׁה**, "בנבואה" איז ער אַלץ געווען דער העכסטער, די אַלע דיבורים האָט ער גערעדט "בנבואה", וואָס מ'קאָן גאָרנישט משיג זיין מיט "חכמה".

**מח**

[ולדרכינו שדיבר לכל הדורות, מובן היטב למה אמר "בנבואה", כי] מיט'ן דרך הטבע [בחכמה], איז די פריערדיגע דורות, מ'האָט זיך גאָרנישט געווען געקענט אויסמאָלן אַז ס'קאָן עקזעסטירן אַזאַ דור, ווי מ'זעט היינט אויס, נאָר מיט "נבואה" האָבן זיי אַלעס געזען.

איז געווען וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה, איז געווען וַיְדַבֵּר אֶת הַדְּבָרִים [הָאֵלֶּה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל, שיש כח בדברי נבואה אלו לחזק כל איש בפרטיות, עד סוף כל הדורות, וכנ"ל באות יט].

---

[כב] בס"ג שופטים תשי"ג (לשון קדשו, אות ס) מאריך רבינו בבחינה זו שיכולים למצוא כח הצדיקים בכל מקום, אם לומדים בספריהם ומבקשים לילך בדרכיהם, וזלש"ק: די אַלע קולות פון די נביאי אמת דאָס איז קיים נצחי, איבערדעם אַז דער אייבירשטער העלפט, אַז מ'זוכט, איז עס מתנוצץ בלב. דער בורא כל עולמים איז משפיע און דער שכל איז משיג, [דער שכל] פירט צום דרך האמת. מ'ווייסט אפילו נישט אַז ס'איז פון זייערע דיבורים, אָבער אַזוי איז דער אמת. דאָס התנוצצות וואָס אַ איד באַקומט ווען מ'זוכט דעם אמת [הוא, ווייל עס] ווערט נתעורר די דיבורים פון די פריערדיגע, פון די צדיקים וקדושים, פון דברי חכמינו ז"ל, פון די אַלע פריערדיגע, דאָס איז מתנוצץ בלב ישראל, דער וואָס ס'זוכט דעם אמת.

[כג] כ"כ הרמב"ן הק', והיה זה במעשה נס, שלא ידאג לתת גדולה ליהושע בפניו.

מט

# פסוקי התשובה שבפרשת נצבים

ס׳שטייט (נצבים ל, א) וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ בְּכָל הַגּוֹיִם אֲשֶׁר הִדִּיחֲךָ ה׳ אֱלֹקֶיךָ שָׁמָּה[כד]. [ולכאורה הול״ל רק] וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ בְּכָל הַגּוֹיִם, [ומיותר מש״כ אֲשֶׁר הִדִּיחֲךָ ה׳ אֱלֹקֶיךָ שָׁמָּה], ווייסט מען דען נישט אַז אַלעס האָט געטוהן השם יתברך ? !

נ

# גלות וגאולה - הם רק על ידי השי״ת

נאָר דער פסוק זאָגט [שצריך להודיע לנו הענין].

וואָרן מ׳רעדט זיך איין, אינעם אורך הגלות קען מען זיך איינרעדן, אַז ס׳איז דאָ אַ דרך הטבע אַקעגן גלות, און מ׳קאָן זיך גאָר אַליין אויסלייזן, גאָר חלילה פאַלשע גאולות[כה].

בעוה״ר לולי הציונים שעשו גאולה של שקר, בוודאי היינו כבר לאחר ביאת המשיח

**בעוונינו הרבים דאָס האָט אויפגעהאַלטן די גאולה, מ׳העט מיר שוין לאַנג געווען געהאָלפן, [והיינו כבר] נאָך ביאת המשיח, ווען נישט די צרה, די פאַלשע גאולה, וואָס האָט מְסַמֵּא עינים געווען, עיניהם ולבם פונעם כלל ישראל.**

נא

יש לומר פירוש הפסוק, כשתהיה בְּכָל הַגּוֹיִם בגלות, וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ כי ה׳ אֱלֹקֶיךָ בעצמו הוא אֲשֶׁר הִדִּיחֲךָ שָׁמָּה, ורק השי״ת בעצמו יכול לגאלינו, וְשָׁב ה׳ אֱלֹקֶיךָ אֶת שְׁבוּתְךָ.

**שטייט דער פסוק זאָגט, ס׳וועט קומען אַ צייט, זאָלסט דיר נעמען צום האַרץ, זאָלסט וויסן אַז דאָס גלות האָט השי״ת געמאַכט, ער קאָן אונז אויסלייזן, דאָס קומט נישט אַליין, און ס׳גייט נישט אַליין, וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ בְּכָל הַגּוֹיִם, דאָס זאָלסטו דיר נעמען צום האַרץ, זאָלסט וויסן אַז ״אֲשֶׁר הִדִּיחֲךָ ה׳ אֱלֹקֶיךָ שָׁמָּה״, אַז דאָס האָט השם יתברך געטוהן.**

**מ׳מוז זיין בגולה, ווילאַנג השם יתברך הייסט, מוזן זיין אידן צושפרייט, בארבע כנפות הארץ, אַזוי איז די ציווי, און דאָס קאָן נישט קיין מענטש איבערמאַכן, נאָר וואָס׳זשע דען, וְשָׁב ה׳ אֱלֹקֶיךָ אֶת שְׁבוּתְךָ, טאַקע נאָר דער בורא כל עולמים** [בעצמו יגאלינו].

נב

איבערדעם איז אתם נצבים היום, דא ראש השנה, איז דאָס אַ נצחיות [ולפי דרכינו בא כל הפרשה לעורר הלבבות בתשובה לעת יום הדין].

[ובדרך זה נבאר המדרשים]

[קושיא יג] **דער מדרש** (תנחומא, א) **זאָגט**, [אתם נצבים היום כולכם, זה שאמר הכתוב הָפוֹךְ רְשָׁעִים וְאֵינָם וּבֵית צַדִּיקִים יַעֲמֹד [וצריך ביאור השייכות].

---

[כד] להלן באות נג מבאר רבינו גודל כח התשובה שיכולין להפוך בזה הכל לטובה, ובאות נו מביא בשם הספורנו, שהתשובה שעושים בתוך הגלות חשובה ביותר דכתיב וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ בְּכָל הַגּוֹיִם, וכנראה שמקדים כאן רבינו עוד רמז בהפסוק וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ.

[כה] עי׳ ויואל משה מאמר שלש שבועות סימן פ. ובמאמר ישוב ארץ ישראל סימן קט.

KolSatmar.com

[קושיא ח] [בפרש"י] היום, כיום הזה שהוא מאפיל ומאיר [ולכאורה היום הוא רק מאיר, והלילה הוא שמאפיל]. [ההמשך יתבאר באות נז]

## נג
## בכח התשובה יכולים לתקן הימים שעברו

[וכדי לפרש המדרשים נקדים] דער זיידע זכרונו לברכה אין **ישמח משה** (נצבים, ד"ה איתא בסנהדרין) זאָגט [לפרש הפסוק (כט, כז)] **וַיַּשְׁלִכֵם אֶל אֶרֶץ אַחֶרֶת כַּיּוֹם הַזֶּה.**

[בהקדם] ס'איז אַ פלוגתא אין די גמרא (סנהדרין קי: במשנה) רבי אליעזר מיט רבי עקיבא'ן [בפירוש הפסוק הנ"ל].

רבי עקיבא זאָגט, עשרת השבטים אינם עתידין לחזור [ממקום שגלו], ווייל ס'שטייט [וַיַּשְׁלִכֵם אֶל אֶרֶץ אַחֶרֶת] "כַּיּוֹם הַזֶּה", מה היום הזה [הולך ו]אינו עתיד לחזור, דער טאָג איז נישט עתיד לחזור, אַזוי זענען זיי [עשרת השבטים כולן] אויך נישט עתיד לחזור.

רבי אליעזר קריגט, אַז ניין [שעתידים לחזור, ודרש "כַּיּוֹם הַזֶּה", מה יום מאפיל ומאיר, אף עשרת השבטים שאפילה להן, כך עתידה להאיר להם. ע"כ המשנה]

לכאורה איז דאָך דאָ אַ סתירה [במציאות], שטייט "כַּיּוֹם הַזֶּה" [ורבי אליעזר דרש] שהוא מאפיל ומאיר, דאָס טאָג אַליין [מאפיל ואח"כ מאיר, ורבי עקיבא סובר דהיום אינו עתיד לחזור].

נאָר וואָס'זשע דען, דער זיידע זכרונו לברכה דער **ישמח משה** טייטשט, אַז אלו ואלו דברי אלקים חיים, טאַקע יום איז [מצד עצמו] אין עתיד לחזור, [כי תמול לעד לא ישוב, אבל על ידי תשובה חוזרים].

נאָר [כמו שמצינו שיכולין לתקן היום שעברן], דער **יערות דבש** זאָגט דאָך[כ] (ח"א דף א:) אויף די עשרת ימי תשובה, אַז די טעג וואָס מ'איז מתקן, דאָס איז די זיבן טאָג בין ראש השנה ליום כיפור, יעדן טאָג דאַרף מען פאַררעכטן וואָס מ'האָט פוגם געווען אין דעם טאָג, [דרך משל, ביום ראשון, יעשה תשובה על כל מה שחטא כל ימיו ביום ראשון], דורך תשובה קומט צוריק דער טאָג אַליין אויך, מ'זאָל נישט מיינען אַז דער טאָג וואס מ'האָט געזינדיגט, איז דאָך פאַרפאַלן, מ'האָט דאָך אים פאַרלאָרן. אָבער אַז מ'טוט תשובה ברענגט מען אים צוריק. [ומוסיף הישמח משה: ולי נראה שלכך נקראים "ימי תשובה", שמשיבין הימים, והבן].

[ומבאר רבינו:] ס'איז דאָך אַמאָל פאַרהאַנדן, [שנעשו] זדונות כזכיות[כא], [וכמו כן על ידי תשובה הראוי] ברענגט מען צוריק דעם טאָג אַליין אויך.

מיט דעם טייטשט ער, זאָגט דער ישמח משה, וַיַּשְׁלִכֵם אֶל אֶרֶץ אַחֶרֶת כַּיּוֹם הַזֶּה, דער טאָג [בעצמו] איז נישט עתיד לחזור. נאָר וואָס דען, אַז מ'טוט אָבער תשובה, קאָן מען דעם טאָג אויך צוריקברענגען, דער זעלבער טאָג. מ'איז מהפך דערנאָך [את היום שכבר עבר].

---

[כ] **ביערות דבש** (חלק ראשון, דרוש א). והעיקר כי ז' ימים שבין ראש השנה ליום הכיפורים הם נגד ז' ימי שבוע, ובכל יום יעשה תשובה על אותו יום. דרך משל, ביום ראשון יעשה תשובה על כל מה שחטא כל ימיו ביום ראשון, וכן ביום ב', וכן כל ז' ימים, ובזה מתקן כל ימיו. עכ"ל.

[כא] **בגמרא** (יומא פו:) אמר ריש לקיש, גדולה תשובה שזדונות נעשות לו כזכיות.

איז רעכט דאָס זענען דיביידע שיטות. די שיטה [רבי עקיבא] אַז אינם עתידין לחזור [כמו הימים בעצמם שאינם חוזרין], אָבער [רבי אליעזר מוסיף] מיט תשובה ברענגט מען דאָך צוריק דעם טאָג [ואלו ואלו דברי אלקים חיים].

[ומפרש הישמח משה] ס'הייסט איבערדעם **שבת שובה** [אף שנקרא על שם הפטורה, מכל מקום טעם יש בזה] ווייל מ'ברענגט צוריק דעם טאָג [ורוצה לומר כי בו יכולין להשיב כל שבתות ה'], מ'איז אים משיב, דורך תשובה זענען זיי אויך עתידין לחזור. [ע"כ תוכן דברי הישמח משה ז"ל]

**נד**

איבערדעם דאָס קען זיין איז דער פשט [קושיא ח].

אתם נצבים "היום", דאָס איז "כיום הזה" וואָס ער איז מאפיל ומאיר, דער טאָג וואָס ער איז עולם חשך בעדו. דער טאָג קאָן ווערן אַ לעכטיגער טאָג. איבערדעם איז רעכט [מה שכתב כיום הזה שהוא מאפיל ומאיר].

[דמה שהוא מאפיל] דאָס איז דאָס חשכות הגלות, דער גלות ווערט דאָך אָנגערופן "חושך", [אבל] טאַקע דער טאָג אַליין, קאָן נתהפך ווערן [להאיר] דורך תשובה.

כיום הזה שהוא מאפיל ומאיר, דער טאָג וואָס ער איז פינצטער, מיט תשובה ברענגט מען אים צוריק, [און] ער איז מאיר.

**נה**

אויף דעם אַרויף [שיכולים להפוך הכל בתשובה], העלפט דער בורא כל עולמים, ולא עשה אתכם כליה, ער איז מאריך אף, אַז אידן זאָלן תשובה טאָן.

אַזוי ווי מ'האָף מיר, דער אייבירשטער זאָל העלפן ס'זאָל זיין ביאת אליהו ומשיח, ווערט ער דאָך דעם כלל ישראל מחזיר בתשובה זיין.

**נו**

התשובה שעושין בתוך הגלות חשובה ביותר

און ביז דערווייל איז חשוב'ער, די תשובה וואָס מ'טוט ווילאַנג מ'איז אין גלות, מ'איז בכל הגוים.

**וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ בְּכָל הַגּוֹיִם.** אַזוי ווי דער **ספורנו** זאָגט[כח] [בעודך בגלות]. דייקא דעמאָלטס ברויך מען תשובה טאָן, ווילאַנג מ'איז נאָך "בְּכָל הַגּוֹיִם".

**נז**

[ישוב קשיא יג] שייכות המדרש תנחומא הָפוֹךְ רְשָׁעִים וְאֵינָם לפסוק אתם נצבים היום

איבערדעם איז דאָס אתם נצבים היום כולכם, כיום הזה שהוא מאפיל ומאיר, דער טאָג אַליין ווערט נתהפך ווערן לטובה.

---

[כח] **בספורנו** (פסוק יא). כִּי הַמִּצְוָה הַזֹּאת. והטעם שאמרתי וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ "בְּכָל הַגּוֹיִם" שצריך שהתשובה תהיה בעודך בגלות, למען תושע הוא, כי אמנם זאת המצוה של תשובה וכו' לֹא נִפְלֵאת הִוא מִמְּךָ. שתצטרך לנביאים. וְלֹא רְחֹקָה הִוא. שתצטרך לחכמי הדור הרחוקים שיפרשו לך באופן שתוכל לעשותה אפילו בעודך בגלות, עכ"ל. והכוונה שאין להמתין על התשובה שיהי' על ידי הנביאים, אליהו ומשיח, רק בעודך בגלות תעשה תשובה.

דאָס זאָגט דער מדרש אויף דעם, הָפוֹךְ רְשָׁעִים וְאֵינָם וּבֵית צַדִּיקִים יַעֲמֹד. [דהרשעים מהפכים מדת היום ללילה[כט], אבל הצדיקים] זענען מהפך דעם טאָג אַליין [לטובה. ושפיר שייך המדרש לכאן, שלומדים מהַיוֹם שהוא מאפיל ומאיר שיכולין להפכו לטובה].

## נח
## סיום התורה וברכת הקודש

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן אַזוי ווי ס׳הייבט זיך אָן שוין, אַזוי ווי מ׳שטייט שוין אויף דעם ערשטן טאָג צו סליחות, ס׳הייבן זיך אָן כסדר די ימי הסליחות און די הייליגע טעג.

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן:

מ׳זאָל די זכיה האָבן מ׳זאָלמיר נאָך תשובה טאָן פאַר׳ן בורא כל עולמים.

מ׳זאָל די זכיה האָבן מ׳זאָל גיין אין דרך האמת.

מ׳זאָל זיך קאָנען מקשט הנפש זיין, מ׳זאָלמיר במהרה געהאָלפן ווערן מיט כל מיני ישועות טובות.

ס׳זאָל זיין חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם, אַז דאָס ביסל אידן דאָס שארית הפליטה וואָס ס׳איז נאָך דאָ מעט מן המעט, זאָלן שוין די זכיה האָבן צו דערלעבן דאָס גוטע.

דער בורא כל עולמים זאָל שוין אָפּהיטן אידן מכל צרה וצוקה.

מ׳זאָלמיר זיך אויסבעטן, ס׳זאָל טאַקע זיין תכלה שנה וקללותיה, ס׳זאָל זיין תחל שנה וברכותיה.

מ׳זאָלמיר די זכיה האָבן, מ׳קום מיר אַריין היצטערט אין דעם יאָר, אין די הייליגע טעג, **זאָלמיר זיך טאַקע אויסבעטן אַן אמת׳דיג לעכטיג יאָר**. מיט **לעכטיגע הערצער**, השי״ת זאָל מאיר זיין עיני ישראל מ׳זאָלמיר האָבן **לעכטיגע אויגן** מ׳זאָל זען דעם אמת, אמת׳דיגע הערצער צום באַשעפער.

מ׳זאָל אָפּגעהיטן ווערן מכל צרה וצוקה, ס׳זאל נישט געשען שוין חלילה קיין שלעכטס פאַר קיין שום איד.

מ׳זאָלמיר געהאָלפן ווערן מיט אַ שנה טובה ומבורכת, אַ שנת גאולה וישועה בכלל ובפרט.

מ׳זאָלמיר זוכה זיין במהרה, צו זען בישועת כל ישראל ושמחתן, ובהתגלות כבוד שמים עלינו במהרה בימינו אמן.

---

[כט] **בדברי יואל** (פרשת נח עמוד קפא.) מבאר כן רבינו הפסוק הָפוֹךְ רְשָׁעִים וְאֵינָם וּבֵית צַדִּיקִים יַעֲמֹד.

KolSatmar.com

# תמצית הדברים:

א

**פרשה זו נאמר ביום פטירת משה רבינו, ובדיבוריו נתן כח בכל הדורות להתחזק אף בגודל ההסתרה והשפלות**

בפסוק אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם נרמז ענין ראש השנה. וכמ"ש בזוה"ק "הַיּוֹם" דא ראש השנה. והשייכות לפסוק זה על פי פשטות, דהרי זה היה ביום פטירת משה רבינו ע"ה שהי' יום קשה כמו יום הדין, שבהסתלקות משה רבינו יצאו בנ"י מאור גדול לבחינת ההסתר (וכמחז"ל פני משה כפני חמה ופני יהושע כפני לבנה) והיו צריכין חיזוק להתקשר עם הבוכ"ע שלא להדחות ולהאבד בתוך ההסתר. - וכמו כן (צריך להיות) בכל ראש השנה, ובפרט בדורות האחרונים שיש הסתר גדול צריך מאוד להתקשר עם הבוכ"ע.

ולכן אמר משה רבינו אז ביום זה שירת האזינו, שמרומז בה עד סוף כל הדורות, שבזה השאיר כח נצחי שיהי' לנו כח להתקיים ולהתחזק אף בגודל החשכות ושפלות הדור וביום זה נסתמו ממנו מעיינות החכמה.

ועל זה איתא במדרש, זה שאמר הכתוב וְלֹא קָם נָבִיא עוֹד בְּיִשְׂרָאֵל כְּמֹשֶׁה, לומר דאע"פ שלא היה לו החכמה הטבעית, אבל בנבואה היה גדול לעולם, דהרי בחכמה הטבעית לא היה אפשר לצייר שיהי' דור כמו שהוא היום, ורק בנבואה ראו את הכל.

ב

**בפסוק אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם נרמז שדנין בכלליות ובפרטיות**

בפסוק אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם יש רמז לראש השנה. דיש ב' דינים, בכלליות ובפרטיות. דבראשונה דנים בכלליות אם נזכה שיהי' עכשיו הישועה שלימה וזהו העיקר, ובזה נכלל הכל. ואח"כ דנים בפרטיות כל או"א.

ולכן אמר מקודם "כֻּלְּכֶם", שדנים בראשונה על הכלל, ומסיים כֹּל "אִישׁ" יִשְׂרָאֵל, שגם כל יחיד נידון בפני עצמו ואין שכחה משום אחד מישראל. [והביא הפי' שמקובל מפי אליהו שאין בן דוד בא עד שיכלה "פרוטה" מן הכיס, דהכוונה שיסירו הפרטיות מכים הלב, ויתפללו רק הכלליות. ואח"כ הביא מייט"ל שמפרש זֶה הַיּוֹם תְּחִלַּת מַעֲשֶׂיךָ זִכָּרוֹן לְיוֹם רִאשׁוֹן, דהכוונה לבית המקדש שנקרא רִאשׁוֹן, ולמשיח צדקינו שנקרא רִאשׁוֹן]. ואח"כ דנים על השאר, וכל אחד ואחד צריך לישועה בפני עצמו.

ומפרט רבינו כמה ענינים, היינו בגשמיות שינצלו מכל צרה וצוקה, וברוחניות שיהיו לו הרהורי תשובה אמיתיים בפנימיות הלב, לא מדומים [והביא פי' הר"ר ברוכ'ל ז"ע, שָׁפְכוּ דָמָם כַּמַּיִם סְבִיבוֹת יְרוּשָׁלָםִ וְאֵין קוֹבֵר, שגם הדמעות אינם בפנימיות הלב]. ישועה בביהמ"ד בדיבורי תורה ותפלה, ישועה בבית שיהי' יהודי הוא ובני ביתו ולא יתגשמו, ויהיו נאמנים לה' ולתורתו.

ג

**בפרשת נצבים דיבר לכלליות, ופרשת וילך דיבר בפרטיות, וכוחו נשאר עד סוף כל הדורות**

בפרשת נצבים דיבר משה עם כולם בכלליות, ובפרשת וילך דיבר עם כל אחד ואחד בפרטיות (כמ"ש רבינו בחיי), דהרי אין דעותיהן שוין וצריך לילך כנגד רוחו של כאו"א, וכ"א צריך דרך בפני עצמו, וכ"א מתעורר מדיבורים אחרים, ויתכן שלא הלך בעצמו בפועל לכאו"א, אלא כוחו הלך וזרח לכאו"א בפרטיות מה שצריך לפי בחינתו, וגם עד היום נשאר כל דיבוריו נצחיו, וז"ש וַיְדַבֵּר אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל, דהיינו עד סוף כל הדורות.

KolSatmar.com

ד

**ולא עשה אתכם כליה,**
**היינו שגם שום יחיד לא נדחה**

מש"כ רש"י בשם מדרש אגדה, שמשה רבינו אמר להם, הרבה הכעסתם ולא עשה אתכם כליה, אין הכוונה על כליון האומה ח"ו, שעל זה יש הבטחה לֹא מְאַסְתִּים וְלֹא גְעַלְתִּים לְכַלֹּתָם, אלא על כל יחיד ויחיד אם עשו ח"ו עבירות שנאמר עליהם שאין להם חלק לעולם הבא, וזה נחשב אצלו כלי' שנדחה ח"ו מעולם הנצחי, ועי"ז פייסם משה לדור המדבר, שכולם קיימים לפני ה' ואמר כל "אִישׁ" יִשְׂרָאֵל, שאפילו יחיד אחד מהם לא הגיע לבחינת כליה ח"ו וכולם יזכו לימות המשיח לעולם הנצחי.

ה

**היום שהוא אפל ע"י עבירות,**
**הוא נתהפך ומאירה על ידי התשובה**

בישמח משה מבאר פלוגתת רבי עקיבא ורבי אליעזר אי עשרת השבטים עתידים לחזור, ושניהם לומדים מ"הַיּוֹם", דאלו ואלו דברי אלקים חיים, דעצם היום אינו חוזר, אבל על ידי התשובה גם היום שעבר יכולים להחזיר. וע"ד שכתב היערות דבש בעשי"ת דכל יום בהשבוע שעושין תשובה יכולים לתקן אותו היום מכל ימי חייו. וז"ש "הַיּוֹם" כיום שהוא מאפיל ומאיר (ואין הכוונה כפשוטו, שמאפיל ונעשה לילה שהרי עצם הַיּוֹם אינו מאפיל) אלא הכוונה שע"י החטאים נעשה היום עולם חשך בעדו, ועל ידי התשובה מחזירין את היום והוא מאיר (עס ווערט א לעכטיגער טאג). ולזה אמר המדרש זשה"כ הָפוֹךְ רְשָׁעִים וְאֵינָם וּבֵית צַדִּיקִים יַעֲמֹד, שהצדיקים מהפכין את היום כדי שיעמוד ויהי' להם תקומה, ולכן אמר משה ולא עשה אתכם כלי', שהשי"ת מאריך אף, כדי שישובו ועי"ז לא יהיו עמהם כלי'.

ו

**הקללות גרמו שתקנו מאה ברכות,**
**ובזה עומדים לפני השי"ת**

ומ"ש הקללות והיסורים מקיימים ומציבים אתכם לפני, עפימש"כ (ברוקח) דהמאה ברכות באים להמתיק המאה קללות חסר ב', וע"י שמברכים בכוונה בכל פעם שעושים ברכה, ואין שוכחים שיש בורא עולם, הרי שעומדים לפני השי"ת בכל היום, ובזה יש לנו תקומה, ומאחר שזה נתקן מכח המאה קללות, הרי שהקללות מקימין אתכם לפניו.

ז

**צריך לעשות תשובה בעוד הגלות,**
**ולהתבונן שמפני חטאינו גלינו מארצינו**
**ורק השי"ת הוא בעצמו יגאלינו**

בפסוק וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ בְּכָל הַגּוֹיִם, היינו שאף שבביאת משיח יחזיר את הכלל ישראל בתשובה, מכל מקום חשוב יותר התשובה כל זמן שעדיין בגלות בכל הגוים (כמ"ש בספורנו), ומה שמסיים "אֲשֶׁר הִדִּיחֲךָ ה' אֱלֹקֶיךָ שָׁמָּה" היינו שגם זה צריך לשוב ולהתבונן שהגלות עשה ה' לנו, ולא שבאורך הגלות ידמו בנפשם שיש דרך הטבע ויכולים עצמם ליקח גאולת שוא ח"ו, אלא לידע שהשי"ת עשה הגלות והוא אשר פיזר אותנו בארבע כנפות הארץ, ושום אדם לא יוכל לשנות הדברים ורק השי"ת בעצמו יגאלינו וכמו שכתוב וְשָׁב "ה' אֱלֹקֶיךָ" אֶת שְׁבוּתְךָ והרחמן יזכינו לזה בב"א.

KolSatmar.com